בעזהשי"ת - ימי השובבי"ם תש"ם לפ"ק

# אוי לאותה בושה ואוי לאותה כלימה

מיט א פארוויטאגט הארץ, פול מיט צעבראכנקייט, טוען מיר פארעפענטליכן די רייד צו אנשי שלומינו, וואס מיר האבן געהאט די זכי' צו טרינקען פון דעם הייליגן קוואל, פון אונזערן הייליגן רבי'ן זי"ע.

ווי באוואוסט, איז אין היינטיגן יאהר האט דאס יהדות החרדית אופגעשטארעמט געווארן מיט א מערכה איבער א עירוב אין דעם עיר וואס בישראל בארא פארק. הללו אוסרין והללו מתירין, און פון בידע צדדים זענען פארמישט געווארן אונזערע רבנים, תלמידי רבינו הקדוש זי"ע.

טייל פון אונזערע רבנים - ווי הגה"צ אב"ד אודווארי שליט"א, זקן תלמידי רבינו, ווי אויך הגה"צ ר' יחזקאל ראטה שליט"א וואס דער רבי זי"ע האט עם ממנה געווען אלץ זיין שליח אין די שטאט בארא פארק לדון ולהורות. און ווי הגה"צ ר' חיים לייב כ"ץ שליט"א וואס דער רבי זי"ע האט עם ממנה געווען אלץ ראש הכולל דמוסדותינו. און ווי כידוע האט דער רבי עם אנגערופן מיין שפיגעלע – וואס זיי זענען ארויס געקומען מיט'ן גרעסטען תוקף ועוז איבער דעם חיוב און תיקון גדול פאר די שטאט צו מאכן אן עירוב ע"י צורת הפתח.

פון דער אנדערע זייט, שטיין כנגד העירוב הרה"ג ר' חיים דוד שליט"א דומ"ץ דקהלתינו, און צו עם שטיין מיט הרה"ג ר' חיים יעקב רובין שליט"א מציעשענוב ר"מ בישיבתינו ב.פ. (הגם ער איז נישט מתלמידי סאטמאר). און ביידע צדדים פראבירן בייאיינפלאסן דעם עולם וואס איז געווען דעתו הטהורה פון אונזער הייליגער רבי'ן זי"ע, וואס כידוע קיין קלארע שטעלע איבער דעם ענין פון עירוב איז נישט פארהאן. אין אויך כ"ק אדמו"ר שליט"א ה' ירפאהו ויחלמהו, זאגט נאך פון רבי'ן זי"ע פארשידענע לשונות, וואס קען אויסגעטייטשט ווערן לכאן ולכאן.

דאס איז א מאל זיכער, לכולי עלמא דעתו הקדושה פון רבין, אז ברוקלין האט נישט קיין הלכה פון רשות הרבים. ווי כמה פעמים קלאר געזאגט ביי סוגיא פארלערנען. ווי ס'איז לעצטענס אויך געדרוקט און פסקי דברי יואל.

כידוע אז צום עירוב אין מאנהעטען האט זיך דער רבי נישט געוואלט צושטעלן, דאס איז זיכער אז איינער פון די סיבות איז געווען, ווייל יענער עירוב איז געמאכט געווארן דורך מעדל כשר (טרייף) פון די מזרחי. וואס כידוע אז דאס איז געווען ביים רבי'ן זי"ע איינס פון די שטערקסטע יסודות, אז מיט זיי טאר מען נישט אפילו די עשרת הדברות אונטערשרייבן. און וואס זיי ווילן, דארף אונזער מיינונג זיין דערקעגן. און ווי דער רבי שרייבט אין ויואל משה עמוד שס"ה וזל"ק, **וחזינן בזה שאף באדם גדול אם רק בדבר אחד עושה שלא כתורה, ויש חששא דלא לגרור אבתריה בזה, גדרו גדר שלא להסכים לדבריו בשום ענין אף בשאר ענינים שאינם נוגעים בזה כלל, וגם להתיר שלא כדין, ולא סגי להו במה שיחלוקו עליו בזה שעושה שלא כתורה ותו לא מידי, כי אם יסכימו לדבריו אף באיזה ענין אחר, זה גורם שיגררו אחריו אף במה שעושה שלא כתורה, ולא יועיל מה שיחלקו עליו בזה שעושה שלא כדין**, עכל"ק.

עס איז איז בחסדי השי"ת אונטער געוואקסן א נייער דור בלע"ה, טויזנטער בחורי חמד און אברכים יקרים, אשר לא ידע את יוסף, וואס האבן שוין ליידער נישט געהאט די זכי' זיך צו וויקן ביים רבי'ן זי"ע, הערן זיינע פייערדיגע דברי א' חיים חוצבים להבות אש, און אויך ניטאמאל זוכה געווען צו זעהן צורתו הקדושה של הרב הדומה למלאך ה' צבקות, און דער כח הקדושה פון רבי'ן זי"ע ווערט ליידער צוביסלעך נאך געלאזט מיט די ירידת הדורות, ביז ליידער בלאזט שוין אריין און אונזער מחנה נייע ווינטן פון אויפגעקלערטקייט. מען דארף שוין נישט זיין אזוי פארנאטישט. מ'שיקט שוין לערנען אונזערע בחורים אין פרעמדע ישיבות, מקבל זיין תורה ביי א זאלכע ראשי ישיבות וואס זענען מזלזל אין די אלע ענינים וואס דער רבי זי"ע האט אונז געלערנט און אריין געפרעגלט. וילכו מדחי אל דחי, השי"ת זאל אפהיטן, ווי ווייט אונזערע קינדער קענען נאך אנקומען, און צו וואס מיר וועלן זיך נאך דערקייקלען.

ווי בעקאנט, ביי אונז תלמידי רבינו זי"ע, וויפיל צער און עגמת נפש דער רבי ז"ל האט געהאט פון דעם פוסק וואס האט מתיר געווען חלב עכו"ם, נידעריגע מחיצות, קולות אין הארבע אבהע"ז ענינים, זיך צו געשטעלט צו דער אגודה און חינוך עצמאי,

(פארזעצונג אין דער צווייטער זייט)

און...געאסר'ט צו מאכן אן עירוב אין ברוקלין. ס'איז כדאי איבער צו לערנען די הייליגע הקדמה פון ספר "כוונת הלב" וואס האט געשריבן בדם לבבו, דער גרויסער לוחם מלחמות ה' הגה"צ מקראסנא זצ"ל בענין זה.

זענען טייל פון אונזערע רבנים געווארן דווקא פון די וואס שלאגן זיך פאר זיין פסק, און די וואס נעמען זיך אפ פאר זיין כבוד? הגם דער רבי זי"ע האט אונז שטענדיג געלערנט, נישט מזלזל זיין און פוגע זיין אין זייער פרעזענליכקייט, ווייל זענען דאך ערליכע יודען און תלמידי חכמים, כבודם במקומם יהא מונח. אבער דאס אמאל געווים אז די דאזיגע גאונים זענען נישט אונזערע מורי הוראה, נישט לאיסור און נישט להיתר, ביי קיין שום ענין פון הלכה, און אוודאי נישט ביי קיין שום ענין פון השקפה.

נישט גענוג זענען מיר אנגעקומען צו אזא שפלות אז אונזערע רבנים זאלן אונטערשרייבען א קול קורא מיט רבנים פון די אגודה קרייזען, און ליידער אויך מיט ר"ע בני"ם פון דער מסרח"י, וואס זיי און זייערע קהלות זאגען נאך עד היום הלל און יום המר והנמהר ה' אייר. קאמאנטארען זענען לגמרי איבעריג.

ע' בשו"ת דברי יואל ח"ב עמוד תצ"ג, וזל"ק, **דמי ששותק מלקלל את המינים, אף שאפשר לדונו גם לכף זכות,** מ"מ לא יועילו צדקותיו ומסלקין אותו ברבים, למען לא ישבו אחריו בית ישראל, וק"ו במי שמשבח ומרומם **אותם וכו' שחלילה יתחבר עמו ולשמוע הוראה מפיו לא דבר ולא חצי דבר,** עכל"ק.

והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת, פארוואס טאר מען נישט, אונטעוועגנס ווען עס איז נישט דא קיין ברירה, טרינקען קיין חלב עכו"ם ביי א רעסט עריע נאר אביסל פאר א קאווע? ר' ... איז דאך מתיר? אונזער דיין שליט"א האלט דאך פון איהם! ער נעמט זיך אהן פאר זיינע פסקים! און דערנאך ווען אונזערע בחורים האלטען ביים חתונה האבן און מיר ווילען זאלן וויטער אנגיין מיט אונזער הייליגער מסורה וואס מיר האבן איבערגענומען דור אחר דור פון אונזערע עלטערן זיידעס און באבעס, און ווי דער רבי האט געלערנט אז מ'דארף האבן אויף די ענינים מסירות נפש ממש, גייט ר' זלמן לייב פיללאפ שליט"א אונטער שרייבן א גילוי דעת מיט זאגינע ר"ע בנ"ם וואס ביי זיי איז ביי-האר גארנישט קיין עבירה נאר גאר א מצוה ר"ל, ומה יעשה הבן שלא יחטא?!

מיר האפן אז אונזער הייליגער ציבור זאל זיך באצייטענס כאפן, און זיך נעמען לערנען מיט אונזערע קינדער די ספרים פון אונזער הייליגן רבי'ן ז"ל, ווי ער האט דאס פארלאנגט אין זיין הייליגע צוואה, ידי **ואמרתי** ח"י **אנכי לעולם**. מ'זאל איבערגעבן ווי ווייט מענליך פאר די קומענדיגע דורות, די הייליגע עבודה און אטמאספער וואס מיר האבן זוכה געווען, און אריין חזר'ן די שיטה פון התבדלות פון רשעים והנגררים אליהם. דאס מיינט: **א)** אז מ'זאל נישט שיקן בחורים לערנען אין ישיבות וואס זענען נהנה משולחנו של איזבל ממשלת הכופרים, לערנען פון ראשי ישיבות תורה שלא בטהרה, אהן קיין שום געפיל צום שיטת מרן הוה"ם ותלמידיו פון התבדלות מרשעים, אהן קיין שום שייכות און געפיל צו רבותינו הקדושים תלמידי הבעש"ט זי"ע. **ב)** מ'זאל זיך בשום אופן נישט מתחבר זיין אין עניני הוראה צוזאמען מיט א זאלעכע ר"ע בני"ם שרוח רבינו ז"ל לא הי' נוחה מהם.

והא גופא ראי' אז מיר האלטן ביים פארקריכן, פונעם אומפארשעמטן פאקט וואס האט מיט אונז פאסירט אין פראנט פון רבי'ס ביהמ"ד אויף ראדני סטריט, ווי די טויזענטער יודען, וואס זענען געקומען מתפלל זיין בבית מדרשו של רבינו זי"ע בשבתות וימים טובים וימי רחמים ורצון, במשך די אלע יאהרן וואס האבן זיך סומך געווען אויף'ן עירוב וואס איז געמאכט געווארן בפיקוחו פון דעם דיין שליט"א, און כדי צו געפעלן די פרעמדע קרייזן, האט מען אויפגעשטעלט א זאלעכע מאדנע אייזענע געראטעם וואס מיר האבן אינדערהיים קיינמאל אזוינס נישט געזען, און אן אופן ווי אונזערע אלע אנשי שלומינו, החיים והמתים, פילן זיך אפגעשמיסן, כאילו זיי האבן אין די אלע צענדליגע יאהרן מחלל שבת געווען ר"ל, אבי צו געפעלן און מתחבר זיין מיט די פרעמדע קרייזן, פאר אומבאוואוסטע סיבות, וכדי בזיון וקצף.

השי"ת יערה עלינו רוח טהרה ממרום, מיר זאלן זיך צוריק קערן צו אונזער דרך הסלולה מרבינו הק' זי"ע בבי"א.

**תלמידי רבינו הקוה"ט בעל ויואל משה זי"ע**